**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/29/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 21.1 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט איז אין שוואנג צו ערזעצן אדיראנדעק נאָרטוועי בריקן אין ווארען קאונטי

***פראיעקט איבער סטעיט רוט 9 אין טאון לעיק דזשארדזש וועט פארבעסערן רייזן לענגאויס דער עקסט-נייטיגער צפון-דרום׳דיגער שאסיי***

**בילדער צו באקומען [דא]()**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן אז א 21.1 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט איז אונטערוועגנס צו ערזעצן די בריקן וועלכע טראגן די צפון-ריכטונג און דרום-ריכטונג לעינס פון דעם אַדיראָנדעק נאָרטוועי (אינטערסטעיט 87) איבער יו-עס רוט 9 אין דעם טאון לעיק דזשארדזש, ווארען קאונטי. דער צוויי-יעריגער פראיעקט וועט ערזעצן די דאפלטע אריבערשפאנונגען וועלכע געפונען זיך צווישן עקזיטס 22 און 23 מיט אן איינציגער סטרוקטור וואס וועט פארבעסערן זיכערהייט און פארבעסערן רייזן און ווידערשטאנד-פעאיגקייט לענגאויס דעם עקסט-נייטיגן שאסיי פאר׳ן פליס פון מענטשן און מסחר אין דער נארט קאנטרי און אדיראנדעקס. דער נייער בריק וועט געבויט ווערן צווישן די צוויי עקזיסטירנדע בריקן און וועלן האבן אן ערווארטעטע לעבנסשפאן פון 75 יאר, העלפנדיג צו פארזיכערן אז דער עקסט-נייטיגער צפון-דרום׳דיגער וועג בלייבט אפן און צוטריטליך פאר צענדליגע יארן אינ׳ם צוקונפט.

״מיר זענען לעיסער פאקוסירט אויף איבערבויען אונזער אינפראסטרוקטור און פארזיכערן אז אונזער טראנספארטאציע נעטוואָרק בלייבט אפגעהיטן — העלפנדיג אונטערצוהייבן אונזער עקאנאמיע און ערמעגליכן פאר קאמיוניטיס צו בליען,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער פראיעקט וועט פארבעסערן רייזן אויף א קריטיש-וויכטיגער דורכפאר שאסיי אין נארט קאנטרי און העלפן האלטן דער פליס פון ניו יארקער, באזוכער און מסחר אין באוועגונג אויף פילע צענדליגע יארן אין דער צוקונפט.״

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול מאכט פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור לענגאויס ניו יארק וואס וועט העלפן צוניפברענגען מענטשן און טרייבן די עקאנאמישע אויפשטייג וואס וועט ערמעגליכן פאר אונזערע קאמיוניטיס צו קענען בליען. די נאָרטוועי איז אן עקאנאמישן מאטאר וואס העלפט טרייבן מסחר פאר דער נאָרט קאנטרי, קאפיטאל ראיאן און נאך ווייטער און דערפאר איז א פליכט צו טאן אלץ וואס מיר קענען זיכער צו מאכן אז דער עקסט-נייטיגער שאסיי איז גרייט אויף נאכצוקומען די ארויספאדערונגען פון דעם 21׳סטן יארהונדערט, און ערמעגליכן פאר מענטשן און פראדוקטן אנצוקומען בשלום צו זייער דעסטינאציע אויפ׳ן בעסטן אופן.״

די אפטייל פון דער נאָרטוועי צווישן לעיק דזשארדזש און ווארענסבורג, ווי אויך יו-עס רוּט 9, זענען וויכטיג קארידארן פאר רייזן צו און אינערהאלב דער נארט קאנטרי און די אדיראנדעקס. דער נייער בריק וועט העלפן פארמיטלען רייזן פאר ארטיגע איינוואוינער, באזוכער און ביזנעסער צווישן ווארען קאונטי און דערנעבנדע קאמיוניטיס. ווייטער ארום איז דער נאָרטוועי א העכסט-נייטיגער באהעפטונג מיט קאנאדע, און דינט אויך אינטערסטעיט און אינער-ראיאנישע טראפיק.

דער נייער בריק וועט זיין 323 פיס לאנג, מיט צוויי אריבערשפאנונגען, שטאלענע אונטהאלט-באלקאנען, מיט א צעמענטענע דעק. עס וועט האבן אן דורכגאנג הייעך פון א מינימום 49 פיס מיט 6 אינטשעס העכער יו-עס רוּט 9.

בויען דעם נייעם בריק צווישן די עקזיסטירנדע סטרוקטורן וועט ערמעגליכן פאר צוויי פון די דריי רייזע ליניעס אין יעדער ריכטונג צו ווערן אויסגעהאלטן דורכאויס דעם גרעסטן טייל פון דער פראיעקט, טראצדעם וואס נאך, פעריאדישע לעין רעדוקציעס וועלן מעגליך צומאל נייטיג זיין. אין פרילינג 2023, וועט צפון-ריכטונג טראפיק אריבערגעפירט ווערן צו דעם נייעם סטרוקטור און דעם עקזיסטירנדן צפון-ריכטונג בריק וועט מען צעווארפן כדי אז דער איבעריגער טייל פון דעם נייעם בריק זאל קענען געבויט ווערן אויפ׳ן זעלבן ארט. דרום-ריכטונג נאָרטוועי טראפיק וועט דערנאך אריבערגעצויגן ווערן אויף דעם נייעם בריק ביים פערטיגן דעם פראיעקט אין זומער 2024.

בשעת עס ווערט געטאן ארבעט אויף דער נאָרטוועי, איז דער ספּיעד לימיט אויפ׳ן אינטערסטעיט רעדוצירט געווארן אויף 55 מייל א שעה ביים אנקומען און אינערהאלב דער ארבעט זאנע, און מאטאריסטן ווערן געמוטיגט זיך אריבערצורוקן, תיכף ביים אנהייב זיך אריינציען אין דעם אנדערן לעין, פארן שטייטער און דרייוו׳ען מיט פאראנטווארטליכקייט. שטראף-אפצאל איז געדאפלט פאר ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון. צוויי אדער מער ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאון קען גורם זיין דאס סוספענדירן פון דעם מענטש׳ס דרייווער לייסענס.

טראפיק אויף יו-עס רוּט 9 אונטער די בריקן איז אויך רעדוצירט געווארן אויף איין איינציגע לעין געניצט אויף ביידער ריכטונגען און קאנטראלירט דורך טראפיק סיגנאלן.

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** ״דער פלאן צו ערזעצן די אַדיראָנדעק נאָרטוועי בריקן איבער רוּט 9 איז א העכסט-נייטיגער פראיעקט. דער לעיק דזשארדזש געגנט איז א גרויסער טוריסט אטראקציע און עקאנאמישע מאטאר פאר אונזער ראיאן און עס איז העכסט-נייטיג צו פארזיכערן אז דאס רייזן איז זיכער און צוטריטליך. פארשטערקערן איר אינפראסטרוקטור און ערזעצן די בריקן וועט גרינגער מאכן פאר ארטיגע איינוואוינער און באזוכער צו קומען צו אונזערע קאמיוניטיס און אויסניצן אלצדינג וואס אונזער ראיאן האט אנצובאטן.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** ״דאס ערזעצן די נאָרטוועי בריקן איבער רוּט 9 אין דעם טאון לעיק דזשארדזש איז א געוואונשענע פראיעקט וואס וועט שטארק פארבעסערן די זיכערהייט פון אונזערע איינוואוינער און פילע באזוכער צו דער נארט קאנטרי פאר פילע יארן אין דעם צוקונפט. דער אפעקטירטער ארט האט געזען פילע צוזאמשטויסונגען במשך די יארן און איך בין באגייסטערט צו זען אז עס ווערט ערזעצט.״

מאטאריסטן ווערן דערמאנט וועגן ׳מוּואו אָוועער׳ צו דער נעקסטער לעין אויב איז מעגליך דאס צו טון אויף א זיכערן אופן, אדער פארן באדייטנד שטייטליכער ווען מען טרעפט זיך אן מיט ראודסייד וויהיקלס וועלכע ווייזן רויט, ווייס, בלוי, עמבער, אדער גרינע לאמפן, אריינגערעכנט מעינטענענס און קאנסטרוקציע וויהיקלס אין ארבעט זאונס.

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאונלאדט דעם בחינם׳דיגן 511NY מאביל עפּ.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT. באזוכט NYSDOT אויף פעיסבוק ביי facebook.com/NYSDOT. פאר טוויטער מודעות פון ניו יארק סטעיט DOT ראיאן 1 (וואס דעקט דעם קאפיטאל ראיאן), פאלגט נאך @NYSDOTAlbany

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418